# סצענע 2 ב'

## Escena 2 B

### Aquí está la Bobe די באָבע איז דאָ

גיסע-ביילע - גאָט העלף!

זעליג - גאָט העלף קינדערלעך!

אַלע - באָבע, ווו ביסטו געווען ?

רייזל - מיר זוכן דיר אַרום איבער דער גאַנצער שטוב! אין שלאָפֿצימער, ווײַל דו האָסט ליב צו רוען, אין עסצימער, ווײַל דו האָסט ליב צו עסן מיטן זיידן...

גאָלדע אין באָדצימער, ווײַל דו האָסט ליב זיך צו באָדן אין דער פֿרי...

מענדל - אין קיך, ווײַל איך בין זייער הונגעריק.

גאָלדע - מיר זוכן דיך אַרום איבער דער גאַנצער שטוב ! ווו ביסטו געווען ?

גיסע- ביילע - קינדערלעך, איך בין געווען אין גאָרטן.

זעליג - זעט די אוגערקעס, ממם ! געשמאַק!

גיסע -ביילע - איך וויל מאַכן אַ סאַלאַט.

גאָלדע - אַ סאַלאַט ! זייער גוט ! איך וויל דו זאָלסט אויסלערנען רייזלען ווי אַזוי צו מאַכן אַ סאַלאַט !

זעליג - אַ סאַלאַט ? וואָס עפּעס אַ סאַלאַט ?

גיסע -ביילע - איז זי אויף אַ דיעטע ?

גאָלדע - ניין, נישט קיין דיעטע... זי וויל האָבן אַ חתן...

זעליג - און איר חתן האָט ליב אוגערקעס ?

מענדל - ניין זיידע, רייזל האָט נישט קיין חתן.

גאָלדע - זי וויל קענען מאַכן אַ סאַלאַט, צו האָבן אַ חתן !

גיסע- ביילע - אַאַאַ... איך פֿאַרשטיי... אָבער מיט אַ סאַלאַט וועט זי קיין חתן נישט קריגן... מיט אַ סאַלאַט קען זי קריגן אַ קו !

אַלע - וואָס עפּעס אַ קו ???

גיסע -ביילע - אַ חתן וויל עסן געפֿילטע פֿיש, צימעס, קניידלעך, חלה, לאַטקעס... נישט קיין סאַלאַט ! קום, קום, רייזעלע, לאָמיר גיין אין קיך. איך וועל דיר אויסלערנען ווי אַזוי צו קאָכן גוטע ייִדישע מאַכלים.

זעליג - ממם... אַ מחַיה !

מענדל - באָבע... זיידע... איך בין הונגעריק !